ער אונז — און ער גיט אַ צוזאָג, אַז ווו ער זאָל נישט זיין אויף דער וועלט — אויב מיר וועלן אים אויפפאָדערן צו קומען צו אונז וועט ער אונזער פאַרלאַנג דערפילן. עס איז מיין הייסער ווונש, אַז דאָס זאָל טאַקע נאָך אַמאָל געשען.

און פונקט ווי דער גרויסער דיכטער איז אונז טייער געווען און נאָך טייערער געוואָרן, אַזוי טייער איז אונז אויך געוואָרן זיין פרוי, די דעמאָלט נאָך גאַנץ יונגע און אָנהויבנדיקע דיכטערין אסתר שומיאַטשער. אַזויפיל באַצווינגענדיקער צויבער אין אַט דעם דיכטער־פּאָר.

פינף וואָכן האָט דער גאַנצער באַזוך געדויערט. אַלע פינף וואָכן — טאָג ביי טאָג — איין לאַנגער יום־טוב גאָר אָן אַ חול־המועד.

נאָך היינט זינגען מיר ביי יעדער פייערליכער געלעגנהייט הירשביינס פאַרבענקט ליד „ימים רווישן" — מיר זינגען עס ממש ווי אונזער הימן, אונזער יידישן קולטור־הימן.

הירשביין האָט אָבער אין מיטן יום־טוב קיינמאָל נישט פאַרגעסן די פליכט פון דעם אויפמונטערער צו קולטור־טעטיקייט. דער יום טוב גייט אַוועק און דער אינדערוואָכן קומט אָן — און מען דאַרף טון. און אויף וויפיל אונזערע כוחות גרייכן האָבן מיר זיך באַמיט און באַמיען מיר זיך אויסצופירן הירשביינס אָנזאָג. דערפאַר טאַקע האָט דער דאָזיקער באַזוך געהאַט אַ רעציידירנדיקע ווירקונג און אין אונזער קולטור־וועלטל איז ער געווען אַ היסטאָרישער. זאָל ער טאַקע דאָ פאַרצייכנט ווערן אין דעם ערשטן יידישן בוך אויף דעם דאָזיקן קאָנטינענט. אויך דאָס דערשיינען פון דעם דאָזיקן בוך איז אַ רינגל אין דער קייט, וואָס פירט אונז צוריק זעכצן יאָרן — טאַקע צום אומפאַרגעסליכן באַזוך פון דעם דיכטער...



# די מעלבאָרנער „קדימה"

25 יאָר לייד און פרייד פון אַ מאָדערנעם יידישן קולטור־ווינקל אין ווייטסטן ווינקל פון דער וועלט

פון

## שלמה וויין

די געשיכטע פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק „קדימה" איז אייגנטליך די געשיכטע פון דעם יידישן פאָלקסטימליכן באַוווּסטזיין אין מעלבאָרן און אפשר טאַקע אין גאַנץ אויסטראַליע. און אַזוי ווי אויסטראַליע געפינט זיך אין דעם ווייטסטן און איזאָלירטסטן ווינקל פון דער וועלט, קען אַט אַזאַ געשיכטע זיין אינטערעסאַנט, אין אַ געוויסן זינען, אויך פאַר דעם פאָרשער פון דעם אַלוועלטליכן יידישן רענעסאַנס.

אין דער צייט, ווען די „קדימה" איז אַנטשטאַנען האָט דאָ במעט לחלוטין נישט עקזיסטירט קיין נאַציאָנאַל־יידיש באַוווּסטזיין אין נייערן זין פון דעם וואָרט. דאָס אין געווען עטליכע יאָרן פאַר דער מלחמה, אין יאָר 1911. די דעמאָלסטיקע היגע יידישע באַפעלקערונג איז לרוב באַשטאַנען פון צוויי סאָרטן. פון איין זייט אויסגעשפּראָכענע אַסימילאַטאָרן, אַזויגערופענע „יאַהודים", און גלאַט עם־הארצים. פונקט ווי עס איז דער שטייגער אין אַלע ענגליש־יידישע יישובים, האָבן דאָ אויך עקזיסטירט יידישע פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן און אַ נאָכמיטאָג־און זונטיק־שולע פאַר רעליגיעזע לימודים, און — פאַרשטייט זיך — אַלע אַנדערע כלי־קודשדיקע קלאַפּערגעציייגן. און דאָס אַלץ איז געשטאַנען אונטער דעם שטאַרקסטן איינפלוס פון די קלערידּסאַלן און יאַהודים און ועל כולם האָט איבער אַלץ געבושעוועט דער גייסט פון אַסימילאַציע. דער הויפּט־ציל פון די דעמאָלטיקע פירער איז געווען צו אַנגליזירן דעם היגן יישוב און אים האַלטן אונטער דער השפעה פון די רעליגיעזע אַנשטאַלטן.

עס איז יעמאָלט געווען די צייט פון די נאָכוויייענישן נאָך דער שרעקליכער רעאקציע אין רוסלאַנד נאָך דעם יאָר 1905, די צייט, ווען די אנטוישטע יידישע אינטעליגענץ פון רוסלאַנד און פוילן האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דער עמיגראַציע פאַר יעדן פרייז. אָט די עמיגראַציע־כוואַליע האָט אויך קיין אויסטראַליע פאַרשווענקט אַ קליין הייפל פון פּראָגרעסיווער יוגנט, וואָס איז אַנטרינען געוואָרן פון די דערמאָנטע לענדער. באַלד נאָך איר אָהערקומען האָט יענע קליינע גרופּע דערזען, אַז אידעאיש איז זי אין אַ מדבר. און כאָטש דער גרעסטער טייל פון זיי איז נאָך יעמאָלט גאָרנישט געווען מאַטעריעל איינגעאָרדנט, האָט מען אָבער אָנגעהויבן צו טראַכטן וויאַזוי אַביסל אויפצולעבן דעם אידעאישן מדבר. דער ערשטער אָנהויב איז — די גרינדונג פון אַ קולטור־קרייז.

געזוכט מענטשן, געזוכט אין דער — מדבר און געפונען: יהושע ראַכלין (ז"ל), אברהם סטאָן (ז"ל) און דר. מ. שאַליט. יידן — ווייט פון אַסימילאַטאָרישע געדאַנקען און אויך ווייט פון עם־הארצות, טיפּן פון אַמאָליקע משכילים און דערצו תושבים פון דעם לאַנד. און דאָס איז וויכטיק געווען.

אָבער גיי טו עפּעס אויף, אַז עס זענען נישטאָ די מאַטעריעלע מיטלען דערויף. אָט אַזוי האָט מען שוין געמוזט אָנקומען צו פילאַנטראָפּיש געשטימטע יאַהודים, דערפאַר צוגעזאָגט צו געבן אַן איינפלוס אויף דער קומענדיקער געזעלשאַפט אין דער פאָרם פון עטליכע שטולן אין דער פאַרוואַלטונג. מצד די יאַהודים האָט מען אַזאַ מין פּראָפּאָזיציע ווילליק אָנגענומען, ערשטנס — ווער זאָגט זיך עס אָפּ פון אחינו בני ישראל פון „בענקלעך"? און צווייטנס איז דערמיט געגעבן געוואָרן אַ געוויסע גאַראַנטיע, אַז דער נייער קרייז וועט נישט צופיל פאַר...יידישט ווערן, נאָר וועט גיין אויף די וועגן ווי זיי איז ליב.

און אָט ווי אַ קינד פון אַזאַ מין געזעלשאַפטליכער קאָמבינאַציע איז דעם 26טן דעצעמבער 1911 געבוירן געוואָרן דער ערשטער יידיש־קולטורעלער פאָלקסטימליכער צענטער אויף דעם קאָנטינענט. מען האָט דעם קינד אַ נאָמען געגעבן „בית





ספר לאומי — קדימה". אין ענגליש „דזשואיש נעשאָנאַל לייברערי קדימה". די ערשטע פאַרוואַלטונג האָט זיך אָט אַזוי צוזאַמענגעשטעלט: פּרעזידענט — י. ראַכלין, וויצעפּרעזידענט א. סטאָן, קאַסיער — דר. שאַליט, סעקרעטאַר — מ. רייזעס. ווייטער י. מאַלינסקי, ס. סלאַצקין, ע. יאַקאָבסאָן, ל. בערנער, ר. ראָטבערג, א. זאַלמאַנאָוו, מ. זעלטנער, צ. בערמאַן, א. מאַטש. דער ערשטער ביבליאָטעקאַר איז געווען ב. שאַבין.

דער דאָזיקער אַרטיקל איז דאָך לרוב באַשטימט פאַר די לאָקאַלע לעזער און דעריבער גיב איך אין אים אַזויפיל נעמען. דעם לאָקאַלן זאָגן זיי עפּעס מער, ווי עס זאָגט דער בלויזער קלאַנג פון נאָמען. אָבער איך וועל אויך פאַר דעם לאָקאַלן לעזער נישט גלאַט אויסרעכענען די נעמען פון די פאַרוואַלטונגען. אויב איך גיב זיי, האָט דאָס אַ געוויסן זינען. אויף דעם אופן ווערט קלאָר דער אידעען־קאַמף, וואָס איז דאָ אָנגעגאַנגען די גאַנצע צייט און וויאַזוי די קדימה האָט לאַנגזאַם געביטן דאָס ערשטע פּנים אירס. דער קאָנסערוואַטיווער עלעמענט פאַרשווינדט אַלץ מער און מער פון די רשימות — מיט דעם גאַנג פון די יאָרן, און דער ראַדיקאַלערער קומט אויף זיין פּלאַץ.

אין דעם ערשטן יאָר איז די פאַרוואַלטונג, וועמעס נעמען איך האָב שוין פריער דערמאָנט, באַשטאַנען פון מער ווי דריי־פערטל קאָנסערוואַטיוון און דער לעצטער פערטל איז באַשטאַנען פון משכילים פון אַלטן שטייגער.

אין צווייטן יאָר האָט זיך די פאַרוואַלטונג אויף דעם פאָלגענדן אופן צוזאַמענגעשטעלט: פּרעזידענט מ. זעלטנער, וויצעפּרעזידענט — א. סטאָן, קאַסירער — דר. שאַליט, סעקרעטאַרין מיס מ. זאַכאַרין. אין ווייטערדיקן קאָמיטעט: ה. בראַון, ס. פרידמאַן, י. גאָן, אהרן בר־כהן, ל. לאַוו, א. ניומאַרק, ס. פּרעס, א. ריטשאַרדסאָן, ר. ראָטבערג, מ. טאַפּט; פאַר וועמען די נעמען זענען נישט בלויז נעמען — וועלן מערקן, אַז דאָס כוחות־פאַרהעלטניש האָט זיך שוין אַ רוק געטון און עס האַלט שוין ביי האַלב אויף האַלב אין די קאָלירן...

אין דריטן יאָר איז דער קאָנסערוואַטיווער עלעמענט נאָך

שוואַכער געוואָרן. אין יענעם יאָר זענען אריין אין דער פאַרוואַלטונג די פאָלגנדע פּערזאָנען: מ. זעלטנער — פּרעזידענט, מ. טאַפּט — וויצע־פּרעזידענט, דר. מ. שאַליט — קאַסיר. סעקרעטאַר — י. רייזעס. אין קאָמיטעט: דר. ד. ראָזענבערג, י. וויט, י. גאַן, א. ריטשאַרדסאָן, א. זאַלמאַנאָוו, א. ניומאַרק, ז. פּרעס, א. בר־כהן, ה. הויזדאָרף־הויזי, א. מאַץ; דער ראַדיקאַלער עלעמענט איז שוין באַדייטנדיק פאַרגרעסערט.

ווי געוויינלעך איז עס נישט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק ביי דעם דאָזיקן יערליכן טויש פון די פאַרוואַלטונגען. עס איז דאָ צוגעגאַנגען זייער שאַרף אויף די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען — וועלטן האָבן זיך געקערט. אַמאָל איז מען יאָ פּאַרטיק געוואָרן פאַרטאָג... און אַמאָל האָט מען געמוזט די פאַרזאַמלונג אָפּלייגן אויף נאָך אַ טאָג. די יאהודים האָבן געצויגן אויף זייער זייט און די יאהודיש־אָריענטירטע נאָכלויפערס האָבן געהאָלפן ציען. זיי האָבן דורכאויס געוואָלט האָבן די קדימה אונטער זייער איינפלוס, אונטער דעם איינפלוס פון די ראַבאַים. ביכער און צייטשריפטן זאָל מען באַציען וואָס מער ענגלישע און בכלל דינען ווי אַן אַנגליזירנדיקע, אין קולטורעלן זינען, אינסטיטוציע — ווי דער פאַרעלטערטער שטייגער. דער אַנדערער טייל האָט ווידער געשטרעבט צו באַפרייען זיך דווקא פון דעם דאָזיקן פאַרעלטערטן גייסט און פירן די קדימה אויף מאָדערן־יידיש־נאַציאָנאַלע און פאָלקסטימליכע וועגן. דער דאָזיקער טייל פון דער מיטגלידערשאַפט האָט איינגעזען, אַז דאָס גיין מיט די יאהודים הייסט פאַרקויפן די בכורה פאַר אַ טאָפּ מיט לינזן. און עס איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף פאַר: אויס שידוך! האָט אָבער דער אַנדערער צד נישט אַזוי גרינג געוואָלט אַרויסלאָזן די ממשלה פון די הענט. געציטערט האָבן זיי, אַז טאָמער וועלן זיי אויפהויבן זייערע הענט פון דער קדימה, וועט זי חלילה גאָט ווייסט ווי פאַריידישט ווערן און אפשר — אפשר — די שעה זאָל נישט זיין — גאָר רעוואָלוציאָנער.

כוואַליע אַרויף און כוואַליע אַראָפּ איז אַזוי אָנגעגאַנגען דער קאַמף ביז צום יאָר 1919. אין יענעם יאָר האָט זיך די איינ־





סטיטוציע אינגאַנצן באַפרייט פון דער קאָנסערוואַטיווער השפּעה. דעמאָלט איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג פון יינגערן עלעמענט, פון מאָדערנעם און ראַדיקאַלן. דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט דעם כבוד צו זיין דער פאָרזיצנדער אין יענער פאַרוואַלטונג.

אָבער דער טויש פון דער פאַרוואַלטונג צו לינקס צו האָט נאָך נישט באַטייט אַז דער אידעישער קאַמף האָט זיך שוין געענדיקט. פאַרקערט — ער האָט טאַקע דעמאָלט אויפגעפלאַקערט אויפסניי. עס איז דעמאָלט געוועזן די צייט נאָך דער זיגרייכער רוסישער רעוואָלוציע און אַ געוויסער עלעמענט פון די קדימה־מיטגלידער האָט דווקא געוואָלט די אומפּאַרטייאישע אינסטיטוציע אַריינוואַרפן אין די אָרעמס פון דער פּאָליטיק און פאַרשטייט זיך — לינקס. דער ציוניסטישער עלעמענט האָט ווידער געשטרעבט, אַז די קדימה זאָל אָפיציעל זיך אָנערקענען אַלס ציוניסטישע אינסטיטוציע. מיט אַ יאָר שפּעטער איז דאָס אין אַ געוויסער מאָס געשען. דעמאָלט האָט זיך די קדימה אָפיציעל אָנגעשלאָסן אָן דער דעמאָלסטיקער ציוניסטישער געזעלשאַפט „התחיה". עס איז אָבער שטענדיק געבליבן אַן עלעמענט מיטגלידער וואָס איז געווען אומצופרידן פון דעם אויסגאַנג און האָט געשטרעבט, אַז די אינסטיטוציע זאָל זיך פאַרנעמען נאָר מיט יידיש־קולטורעלער אַרבעט און זיך נישט פאַראייניקן מיט קיין שום פּאַרטיי און זיך נישט מישן אין קיין שום פּאָליטיק.

ארגומענטירט האָט דער קרייז: סך הכל זענען מיר דאָ אַ הייפעלע יידן פאַראינטערעסירטע אין אידעען און קולטור. טאָמער וועלן מיר זיך צעברעקלען, וועט דער גאַנצער בנין איינפאַלן. איז שוין בעסער צו אַרבעטן צוזאַמען, דערפאַר אָבער בלויז אויף דעם קולטור־געביט.

סוף כל סוף האָט טאַקע דער עלעמענט געוווּנען די אויבערהאַנט און אין יאָר 1926 האָט זיך די קדימה אָפּגעטיילט פון דער „התחיה" און דעמאָלט טאַקע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן איר אמתער רענעסאַנס־פּעריאָד.

נאָך עפּעס האָט דאָ געשפּילט אַ ראָלע און מיר ווילן עס

נישט פאַרבייניין. אין יענער צייט האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ שטאַרקער שטראָם פון אַ נייער אימיגראַציע־כוואַליע. אַ גרויסער טייל פון די נייע אימיגראַנטן האָט אפילו מיטגעבראַכט מיט זיך אַ מין נאָך־מלחמה און אינפלאַציע־מענטאַליטעט פון די אַלטע לענדער, וואָס דאָס איז נישט אַזוי גינציק פאַר קולטור־אַרבעט. עס איז אָבער אויך געקומען, ווי אַלעמאָל, אַ הייפעלע אינטעליגענץ, און דאָס הייפעלע איז באַלד צוגעשטאַנען, איך וואָלט אפילו געזאָגט: צוגעפאַלן, צו דער קדימה־אַרבעט. און אַ נייער צופלוס פון פרישע כוחות איז אַלעמאָל גוט און געזונט פאַר אַ קולטור־אינסטיטוציע. האָט זיך טאַקע דעמאָלט דער ניוואָ פון דער קדימה אַ הויב געטון.

---

איידער איך וועל געבן אַ גענויער בילד פון דער פאַרצווייגטער קדימה־טעטיקייט, וויל איך מיך נאָך אויף אַ ווײַלע אומקערן צו איר פריערדיקער געשיכטע. אָט ליגן פאַר מיר די ערשטע יערליכע באַריכטן. עס זענען נאָך די באַריכטן פון די יאָרן 1912 ביז 1914 — ווען דער לאָקאַל פון דער קדימה איז נאָך געווען אויף בערק־סטריט 59, און איז נאָך שטאַרק געווען אונטער דער יאַהודישער השפעה. עס איז נאָר גענוג אַ בליק צו טון אויף די טיטלען פון די אונטערנעמונגען: יאַהודיש־זינלאָזע אַנגליזירונגג. די רעפערענטן — ראַבאַיס, די טעמעס — טעאָלאָגישע... אויף די מוזיקאַלישע אָוונטן האָט זיך נאָך ווען עס איז אַרומגעדרייט פאַריתומט אַ יידיש לידל, אָבער אין אַלגעמיין איז יידיש געווען פאַרוקט אין אַ טונקעלן ווינקל אַרײַן.

אין 1915 האָט זיך די קדימה אַריבערגעקליבן אין יידישן געגנט אַרײַן, אויף דראַמאָנד־סטריט 313. פון דעמאָלט אָן באַמערקט זיך גלייך אַ נייגונג צו מער אַלגעמיין קולטורעלע טעמעס. און ס'לשון איז שוין — יידיש. און די טעמעס זענען שוין: מענדעלע, אחד העם, ביאַליק, פרץ, פרוג. עמכ'דיק. עס קומען אויך פאַר צוויי קאָנצערטן פון יידישער פאָלקסמוזיק. מען רעאַגירט אויף אַלוועלטליכע יידישע פּראָבלעמען. מען זאַמלט אונטער די פליגלען פון דער קדימה אין יאָר 1916 — 950 פונט לטובת די





יידן אין די מלחמה־לענדער. דאָס רעאַגירן אויף אַלוועלטליכע יידישע געשעענישן ווערט פון דעמאָלט אָן גוטע געוווינהייט.

ווען אין יאָר 1922 הויבט זיך אָן ווידער איינצושטעלן דער שטראָם פון דער יידישער אימיגראַציע שטייט די קדימה אויך נישט ביי דער זייט. לויט איר איניציאַטיוו, און צום טייל אונטער איר השגחה, ווערט געגרינדעט די „יידישע באַגריסונגס־געזעלשאַפט" — (דזשואיש וועלקאָם־סאָסייעטי). איר פאָרזיצער איז א. ש. ראָוז, סעקרעטאַר א. נ. בר־כהן. די געזעלשאַפט באַנוצט זיך אויף דעם ברייטסטן אופן מיט דעם לאָקאַל פון דער קדימה. איר אויפגאַבע איז צו באַגעגענען די אימיגראַנטן אויף יעדן אָנגעקומענעם שיף, געפינען פאַר זיי וווינונגען און אַרבעט (עס ווערט אויך איינגעאָרדנט אַ קורס פון די עלעמענטאַרע קענטענישן פון דער ענגלישער שפּראַך). און בכלל מאַכן אַביסל היימישער דעם נייעם אימיגראַנט, וואָס האָט נישט ווער עס זאָל זיך מיט אים פאַרנעמען.

די דאָזיקע „וועלקאָם־סאָסייעטי" האָט עקזיסטירט ביז צום יאָר 1930, ווען עס האָט זיך לחלוטין אָפּגעשטעלט די יידישע אימיגראַציע.

די לייביבליאָטעק פון דער קדימה פונקציאָנירט כסדר, אָבער דער נייער קורס ברענגט נייע ביכער און טאַקע וואָס מער יידישע, עס איז דאָך דער קורס פון וואָס מער פאָלקסטימליכקייט.

אָבער וואָס נוצט דאָס אַלץ, אַז די קדימה קען נישט פאַרברייטערן איר טעטיקייט, מחמת איר לאָקאַל איז צו ענג. אַ זאַל פאַר 150 פּערזאָנען איז אפשר אַמאָל גוט געווען, איצט איז דאָס שוין נישט מער גענוג. כדי צו פאַרברייטערן די טעטיקייט — מוז אויך פאַרברייטערט ווערן דער לאָקאַל. און עס ווערט באַשלאָסן צו זאַמלען געלט אויף אַן אייגענעם בנין.

צוויי יאָר צייט ווערט געפירט די בוי־אַקציע — ביז ענדליך זונטיק, דעם 25טן סעפּטעמבער 1932 ווערט געלייגט דער גרונטשטיין פון דער געביידע. דער עולם אַ גאַנץ גרויסער און די שטימונג — אַ געהויבענע ביז גאָר. מען לייגט דאָך אַ גרונט־

שטיין פאַר דער היים פון דער יידישער קולטור אין דעם ווייטסטן ווינקל פון גאָטס ערד.

אין אונזער לעבן, דעם לעבן פון ווייטפאַרוואָרפענע יידן, איז דאָס געווען אַ גרויסער יום־טוב און אין לעבן פון אונזער אינסטיטוציע איז דאָס געווען די גרויסע געשעעניש און דערפאַר גלויב איך, אַז איך מעג מיר ערלויבן צו דערציילן אַביסל מער וועגן יענער צערעמאָניע. זאָל עס פאַרשריבן ווערן לדורות — ווי מען זאָגט עס.

דער בויפּלאַץ געפינט זיך אין שענסטן טייל פון דער שיר־נער לייגאַן־סטריט, וואָס ליגט אינמיטן יידישן געגנט. אויף דעם פּלאַץ — אַ גרויסע מאַסע יידן. די זון קאַרגט נישט מיט איר בייטראַג צו אונזער שמחה. די געמיטער זענען הייטער: מען לייגט דאָך דאָס ערשטע מאָל אַ גרונטשטיין פאַר אַ היים פון יידישער קולטור אין דעם ווייטן לאַנד. אַלעמענס הערצער פלאַטערן ממש מיט יום־טובדיקן געפיל. דער דעמאָלסטיקער פאָרזיצער, דער שרייבער פון די שורות, האַלט אַן אַריינפיר־רעדע און דערקלערט די וויכטיקייט פון דער געשעעניש. און די צערעמאָניע הייבט זיך אָן. אהרן בר־כהן לייענט די כראָניק פון דער קדימה אין וועלכער עס ווערן אויסגערעכנט צוערשט אַלע געשטאָרבענע פרעזידענטן און אַנדערע פאַרדינסטפולע טוער פון דער אינסטיטוציע, שפּעטער ווערן אויסגערעכנט אַלע איבעריקע פרעזידענטן און פאַרדינסטפולע עסקנים פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק קדימה. צום סוף — דער באַשטאַנד פון דעם איצטיקן קאָמיטעט, וואָס איז גלייכצייטיק דער בוי־קאָמיטעט.

נאָך בר־כהנען לייענט אייזיק הורוויץ אַ געדיכט, וואָס ער האָט ספּעציעל צו דער פייערלעכקייט אָנגעשריבן. ישראל שער — דער וויצעפאָרזיצער פון דעמאָלט — דערלאַנגט די טראַדיציאָנעלע זילבערנע קעלניע צו משה גראָסבי. ביים לייגן דעם שטיין זאָגט משה גראָסבי: איך לייג אָט דעם שטיין פאַר דער קדימה, פאַר דער היים פון דער יידישער קולטור און צום אָנדענקען פון מיין פאַרשטאָרבענער פרוי ציליא גראָסבי. די געהעריקע ווערטער זענען מיט גאָלדענע אותיות גראַווירט אויף דעם פונדאַמענט־





שטיין. דער עולם גייט איצט אַריין אין אַ ספּעציעל צוגעגרייטן לייוונטענעם געצעלט און פאַרבייסט. מען האַלט נאָך אַ פּאָר פייערלעכע רעדעס און מיט געזאַנג און גוטער, האָפערדיקער שטימונג גייט מען זיך פונאַנדער.

שבת אָוונט, דעם 25טן מערץ 1933 ווערט דער נייער, איי־גענער קדימה־בנין אָפיציעל געעפנט. דער זאַל איז געפּאַקט. דער פאָרהאַנג גייט אַרויף. אויף דער פּראַכטפול דעקאָרירטער בינע זיצט דאָס פּרעזידיום פון דער קדימה. אָבער ווי דער שטייגער פון אַ יידישער שמחה אין אַזאַ באַוועגטער צייט הייבט זי זיך אָן מיט אַ טרויעריקער בשורה. דער פּרעזידענט טיילט מיט, אַז עס איז נאָר וואָס אָנגעקומען אַ ידיעה וועגן דעם זיג פון דעם מאָדערנעם המן און — מיט אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע הייבט זיך אָן די טעטיקייט פון דער קדימה אין איר נייעם בנין...

דער פאָרזיצער גיט איבער אַ גאָלדענעם שליסל צו מ. זעלטנער, איינעם פון די ערשטע פּרעזידענטן פון דער אינסטי־טוציע, דערויף דערקלערט מ. זעלטנער אָפיציעל, אַז דער נייער בנין פון דער קדימה איז געעפנט.

לינדאַ פיליפּס, די באַקאַנטע יידישע מוזיקערין, שפּילט אַ ספּעציעל פאַרפאַסטע פּיאַנאָ־קאָמפּאָזיציע. דער קוואַרטעט שפּילט און לידער ווערן געזונגען.

פאַר דעם אויסטראַלישן יידנטום איז דער דערמאָנטער אָוונט געווים אַ היסטאָרישע געשעעניש, אָבער אויך פאַר דער יידישער וועלט־קולטור־טעטיקייט האָט ער אַ באַדייטונג: עס איז צוגעקומען נאָך איין פּונקט אין דעם וועלטבליד פון אונזער קולטור־אַקטיוו.

---

מיט דער עפענונג פון דער אייגענער היים הייבט זיך אָן פאַר דער קדימה אַ נייע תקופה. דאָ, אין די אייגענע פיר ווענט, ווערט שוין יעדע זאַך געטון אויף אַ ברייטערן פאָרמאַט. עס ווערט באַלד געשאַפן דער מוזיקאַלישער קרייז, וואָס אָרגאַניזירט ערנסטע קאָנצערטן, אין וועלכע עס נעמען אָנטייל די בעסטע יידישע מוזיק־קרעפטן פון מעלבאָרן. די דאָזיקע קאָנצערטן

ווערן שטאַרק געריטמט מצד ערנסטע פּאַבקריטיקער. דער דראַמאַטישער קרייז, וואָס האָט שוין זינט אַ רייע פון יאָרן עקזיסטירט, פירט איצט אויף זאַכן אין אַ ברייטערן פאָרנעם. די בינע־אויסשטאַטונג, וואָס איז אינגאַנצן אַן אייגענע, שטייט נישט ווייט צוריק הינטער אַ קליינעם פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער. די ליטעראַרישע אָוונטן קומען פאָר סיסטעמאַטיש, די טעמאַטיק פאַרברייטערט זיך. עס קומען פאָר אָפטע אַקטועלע דעבאַטעס. עס קומען פאָר ערנסטע וויסנשאַפטלעכע לעקציעס. און — דער עיקר — דער עולם קומט און ווערט גרעסער פון אָוונט צו אָוונט. עס גרינדעט זיך אַ פרויען־סעקציע, וואָס נעמט אויף זיך דעם געזעלשאַפטליך־אונטערהאַלטערישן טייל פון דער אַרבעט, די באַנקעטן, טענץ און די באַזאַרן, וואָס דער לעצטער ברענגט ביז 200 פונט הכנסה. אויך די יוגנט־סעקציע פאַרברייטערט איר טעטיקייט. עס האָט אַלעמאָל אַזאַ סעקציע עקזיסטירט, אָבער אין נייעם לאָקאַל וואַקסט זי אויס. אמת איז אפילו, אַז וואָס שייך דער יוגנט־קולטור־אַרבעט, און דער עיקר, וואָס שייך דער שפּראַך פון דער יוגנט־סעקציע איז דאָ אַ סך צו רעדן, אָבער נישט דאָ איז איצט דער אָרט דערויף. די ביבליאָטעק וואַקסט שטאַרק אויס. צוליב פּיעטעט צום פאַרשטאָרבענעם אהרן בר־כהן קויפט די קדימה אָפּ זיין גאַנצע, גרויסע, זעלטענע, מיט געשמאַק געקליבענע, ביכער־זאַמלונג און ווערט אויף איינמאָל שטאַרק באַרייכערט. יעדן אָוונט זיצן אין דעם לעז־צימער פון דער אינסטיטוציע פילע פּערזאָנען און געניסן פון די יידישע צייטונגען און צייטשריפטן פון אַלע עקן וועלט. די ביבליאָטעק איז טעטיק טעגליך און אַלעמאָל קען מען זען עטלעכע לעזער בייטן זייערע ביכער. אויף דער בינע קומען פאָר רעפּעטיציעס, אין זייטיקע צימערן — זיצונגען, מיט איין וואָרט, עס שווירבלט און גריבלט מיט טעטיקייט. דער יידישער שרייבער מ. ראַוויטש, וואָס וווינט זינט אַנדערטהאַלבן יאָרן אין מעלבאָרן, איז כסדר טעטיק אין דער ליטעראַרישער קאָמיסיע פון דער קדימה־פאַרוואַלטונג.

ווען דער דאָזיקער אַלמאַנאַך ווערט ארויסגעגעבן שטייט





אויפן סדר פון דער „קדימה" ארויפצוציען אַ שטאָק אויף דער געביידע, ווייל עס איז שוין ענג געוואָרן... אַ גוטער סימן, אַז אין אַ קולטור־אינסטיטוציע ווערט ענג. די פאַרוואַלטונג האָפט, אַז אין אַ יאָר ארום וועט זי דעם פּלאַן פאַרווירקליכן. עטלעכע הונדערט פונט זענען שוין געזאַמלט

אָט דאָס איז אין קורצן די געשיכטע פון דער „קדימה" — אַן אינסטיטוציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן און עקזיסטירט אויסשליסלעך צום צוועק אויפצוהאַלטן דאָס יידישע קולטור־באַוווסטזיין אין דעם ווייטסטן יישוב פון דער וועלט. דאָס יידישע מעלבאָרן קען אויף דער אינסטיטוציע שטאָלץ זיין.